

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' נח
תשפ"ב לפ"ק
גליון קנ"א

## פראגע

### וויאזוי האבן אלע חיות און בהמות געהאט פלאץ אין דער תיבה?

## ענטפער:

אויב איר ליינט מיין ספר "הן עם" (behold a people) וועט איר זען די חשבונות פון די תיבה. אויב די תיבה איז אויסגעשטעלט געווארן מיט אסאך שורות פון שטיבלעך אויף די גאנצע לענג, ברייט און הייעך פון די תיבה, וואלט עס געקענט זיין אזוי לאנג ווי דעם מאנהעטן אינזל. עס איז איין און צוואנציג מייל לאנג – אפילו לענגער. 21 מייל פון שטייגן זענען גענוג אריינצונעמען אלע לאנד-באשעפענישן און די פייגלעך; אלע סארט באשעפענישן וואס מיר האבן אויף דער וועלט.

שפעטער, נאכן מבול, ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען און האבן אנגעהויבן זיך צו פארמערן, האבן זיך אנטוויקלט פארשידענע מינים פון די זעלבע באשעפעניש. מיר ווייסן אז דורכ'ן זיך פארמערן, קענען אסאך מאל הונט געבוירן גרויסע סארט און קליינע סארט – ס'איז נישט עוואלוציע ווייל זיי קענען אלע זיך אויסמישן איינס מיט'ן צווייטן און ארויסגעבן קינדער, ווייל ס'איז איין סארט. און אזוי ווערט אנטוויקלט אסאך סארטן פון די זעלבע באשעפעניש, און אזוי ארום טרעפט מען פארשידענע סארט הערשן, אבער זיי אלע קומען פון די ארגינעלע הערש פאָר פון די תיבה.

דערפאר, יעדער סארט לאנד-באשעפעניש וואס האט אויסגעפעלט האט געהאט פלאץ אין די תיבה. און נישט נאר דאס, נאר ס'איז אויך געווען פלאץ פאר שפייז פאר זיי אלע, חוץ די פלאץ פאר מענטשן. אויב איר ליינט "הן עם" – וועט איר זען די חשבונות און איר וועט זען אז ס'איז געווען היפש פלאץ פאר יעדן.

## פראגע

### וויאזוי האבן די ים-באשעפענישן איבערגעלעבט דעם מבול?

## ענטפער:

די ים באשעפענישן האבן נישט געדארפט ליידן פונעם מבול ווייל זיי האבן געקענט ארומשווימען, און אויב זיי האבן געוואלט ארויפגיין צו כאפן לופט פאר אפאר מינוט, האב זיי דאס אויך געקענט טון. עס זענען ארומגעשווימען גענוג קלעצער אויפ'ן וואסער, וואו זיי האבן זיך געקענט אנכאפן. עס זענען געווען גאנצעטע וועלדער פון אראפגעבראכענע ביימער וואס זענען ארומגעשווימען אין וואסער, און די ים חיות און ים שרצים האבן עס געקענט אויסנוצן. ים-הונט און ים-פערד האבן געקענט נוצן די שווימעדיגע אינזלען ווען זיי האבן געדארפט. וואל-פישן דארפן בכלל נישט האבן קיין לאנד; זיי קענען לעבן אונטער'ן וואסער. במילא איז קיין שום פיש נישט אונטערגעגאנגען ביים מבול, און די אנדערע ים-באשעפענישן האבן זיך באנוצט מיט די שווימעדיגע אינזלען.

מענטשן וואלטן ווען אויך געקענט לעבן אויף די אינזלען, אבער וויבאלד מענטשן דארפן עסן וואלט זיי עס נישט געהאלפן. אויך האבן זיי נישט געקענט דארט עקזיסטירן צוליב די שטארקע רעגן און די אנגייענדע כוואליעס – עס זענען געווען שטורמישע כוואליעס: "ויגברו המים" – די וואסערן האבן זיך מכטפול געשטארקט; מעכטיגע שאק כוואליעס זענען ארומגעפארן אין די וואסערן און די כוואליעס האבן אראפגעווארפן סיי-וועלכער מענטש האט נאר פרובירט זיך צו ראטעווען אויף די שווימעדיגע קלעצער.

אבער ים-באשעפענישן האבן נישט קיין פראבלעם דערמיט. אויב א כוואליע וואלט אנגעטראפן א ים-פערד און אים אריינגעווארפן אין וואסער, איז עס פאר אים בכלל נישט קיין פראבלעם. און דערפאר האבן זיי רואיג געקענט איבערלעבן.

## פראגע

## פארוואס האבן מיר א רעכט צו עסן באשעפענישן? אפשר זאלן די באשעפענישן אונז עסן?

## ענטפער:

עס איז געווען א קלאס פון קאלעדזש סטודענטן וואס האבן געוואלט מאכן אן ארגאניזאציע קעגן די פארמערס וואס ראָטן אויס אינזעקטן. זיי האבן געוואלט זאגן אז מען דארף אויסראטן די פארמערס. און די ענטפער איז, אז זיי זענען גערעכט. אויב ביזטו א קאלעדזש סטודענט איז נישטא קיין סיבה פארוואס מיר זאלן נישט אויסראטן די פארמערס. עס איז נישט דא קיין סיבה פארוואס זיי זאלן זיך נישט אליינס אויסראטן... און דאס איז וואס זיי טוען טאקע. קאלעדזש סטודענטן טאנצן אראפ פון דעכער מער ווי סיי-ווער אין לאנד.

מענטשן וואס גלייבן נישט אינעם באשעפער האבן נישט קיין שום סטאנדארטן. די איינציגסטע סטאנדארט וואס קען אנהאלטן איז דאס וואס ווערט געגעבן דורך א ג-ט. און דער איבערשטער האט פאר אונז אנטפלעקט אז דער מענטש איז די תכלית הבריאה, און ער האט געגעבן פאר'ן מענטש די רעכט פון "ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חיה הרמשת על הארץ" (בראשית, א, כח). דאס איז די **איינציגסטע סיבה** פארוואס מיר האבן א רעכט צו עסן פלייש.

אויב א קאלעדזש פראפעסער זעצט זיך אראפ עסן פלייש, איז ער א קאניבאל, ווייל ער און דער הינדל זענען קרובים... אויב א קאלעדזש פראפעסער וועט נעמען א מאלפע און אים לייגן שלאפן אין א לאבאראטאריע און דאן אים צושניידן מיט זיינע לאבאראטאריע מעסערס, זאל מען רופן צו אים די פאליציי! ווייל דער קאלעדזש לערער זאגט אז מענטשן שטאמען פון מאלפעס.

דער פאליציי סערזשאנט וועט זאגן "מיין פריינד, דאס איז נישט מיינע ביזנעס. מיר גייען לויטן געזעץ. דער געזעץ זאגט אז א מענטש איז נישט קיין מאלפע, אויב דער קאלעדזש לערער זאגט אז ער איז יא, רוף אים אהער און מיר וועלן אים לערנען דעם אמת." און דער קאלעדזש פראפעסער וועט דארפן אראפקומען צו די פאליציי סטאנציע צו אנטדעקן דעם גרויסן אמת; א מענטש איז נישט קיין מאנקי, און אן די פאליציי וואלטן זיי עס קיינמאל נישט געוואוסט...

דעריבער, אויב מען קען נישט דעם חומש, איז טאקע נישט דא קיין שום סיבה פארוואס אלע אינזעקטן זאלן זיך נישט צאמנעמען און באשפריצן די פארמערס...

## פראגע

## איך האב א שאלה - איז ריכטיג פאר א מענטש צו שטרעבן צו ווערן א רב אדער ראש ישיבה, א גדול בתורה?

## ענטפער:

איך זאג, אויסדרוקליך יא! אבער עס מיינט נישט אז דאס דארף ווערן אייער פרנסה. מען קען זיין אין ביזנעס און נאך אלץ זיין א ראש ישיבה. עס איז נישט קיין סתירה. עס איז מעגליך פאר א ראש ישיבה, א גדול בתורה, צו האבן ריעל עסטעיט און נישט דארפן צוקומען אז די ישיבה זאל אים אויסהאלטן. מיר האבן געהאט גרויסע מענטשן וואס זענען געווען געזונג רייך צו קענען אויסהאלטן אן די שטיצע פון אנדערע מענטשן.

צו זיין א ראש ישיבה מיינט נישט אז מען וויל דעם כבוד פון א ראש ישיבה אדער דעם כבוד פון זיין א רב. עס מיינט אז מען וויל האבן הצלחה אין תורה – דאס איז צו וואס מען דארף שטרעבן, הצלחה אין תורה. יעדער איד דארף וועלן ווערן א גדול בתורה. יעדער זאל שטרעבן צו גרויסקייט. און אפילו איר זענט ווייט אוועק דערפון, זאלט איר שפירן אין הארץ "איך וואלט געוואלט זיין א תלמיד חכם; איך וויל זיין א גדול בתורה." יא! יעדער איינער זאל וועלן זיין א גדול בתורה.

יעצט וואס טוט זיך מיט די פרויען? דאס איז א שאלה וואס קומט אריף. צו וואס זאל א פרוי שטרעבן ווען עס קומט צו לימוד התורה? יעדע פרוי דארף וועלן זיין א ווייב פון א גדול בתורה. און אפילו זי האט חתונה געהאט צו א פשוט'ן מענטש, זאל זי שפירן אז עס וואלט געווען פאר איר א געוואלדיגע פריוויליגיע ווען איר מאן וואלט געלערנט – און ווי מער ער לערנט אלס גרעסער איז איר פריוויליגיע. און ווי מער זי העלפט איר מאן לערנען אלס גרעסער איז איר זכות. זי האט א 100% שותפות – נישט 50% - אין אלעס וואס ער לערנט.

און אויב האט זי קינדער, אפשר קען זי פארווירקליכן אירע חלומות אין אירע קינדער, אז אירע קינדער זאלן לערנען. און אפילו אויב זי האט נישט קיין קינדער, קען זי זיך אידענטיפיצירן מיט די וועלכע האבן קינדער און געבן געלט פאר ישיבות, און זענען גליקליך צו זען אז אנדערע לערנען, דאס אליינס איז א גרויסע דערגרייכונג – בלויז זיך צו אידענטיפיצירן מיט די חלק פון כלל ישראל וואס שטיצט לימוד התורה. אויב מען האט ליב תלמידי חכמים, דאס אליינס איז א גרויסע ערגרייכונג.

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!




פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעכאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!

אידיש!

### פרישע הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב